# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלד**

## פרשת יתרו

**וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַה' אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ עַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ וּבְהֶמְתֶּךָ וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ:** (שמות פרק כ, י)

**ספר מוּסַף הַשַּׁבָּת - מבעל המנחת חינוך**

די גרויסע גאון און מאור הגולה **הגאון האדיר רבי יוסף באב"ד זצ"ל** די בעל **מנחת חינוך** האט מחבר געווען א עקסטערע קונטרס אויף די ל"ט מלאכות מיט'ן נאמען '**מוּסַף הַשַּׁבָּת**', און ער האט קובע געווען דער קונטרס אין זיין גרויסען ספר 'מנחת חינוך' ביי מצוה לב על פי סדר החינוך וואס דעס איז די מצוה 'שלא לעשות מלאכה בשבת'. די ספר 'מוסך השבת' איז מלא חידושים און הברקות כדרכו בקודש פון די מנחת חינוך.

אין גליון עה - פרשת יתרו שנת תשפב, האבן מיר אראפ געברענגט איין חידוש פון די ספר מוסך השבת אויף יעדער פון די ערשטע זעקס אבות מלאכות, ואם ירצה ה', אין דער גליון וועלן מיר ממשיך זיין צו שרייבן אויף מלאכות ז - י. ועוד חזון למועד, צו שרייבן אויף די אנדער מלאכות בעזר השם.

### ז. הבורר

די זיבעטע אב מלאכה איז די מלאכה פון 'בורר'. און דער מלאכה איז אז מען טאר נישט אפטיילן א 'זאך וואס מען וול האבן', פון א 'זאך וואס מען וויל נישט האבן אין שבת.

### חידושו של המנחת חינוך שאיסור שההיתר לברור לאלתר שייך גם במאכלות אסורות

די מנחת חינוך שרייבט א גרויסע חידוש אין הלכות בורר, וזה לשונו: **נראה לי, אם בורר אוכל דפטור** - א מענטש וואס קלויבט אויס א דבר 'אוכל' מתוך פסולת, אויף א אופן וואס מען מעג, ווי למשל: **אם רוצה לאכול לאלתר** - דהיינו, ווען ער איז בורר אוכל מתוך פסולת לאכול לאלתר וואס אויף אז אופן איז מותר צו בורר זיין, **אף דהאוכל אסור והוא ממאכלות אסורות, מכל מקום כיון דרוצה לאכלו לא הוי בורר** - פירוש: אפילו דער 'אוכל' וואס ער איז יעצט בורר איז בעצם איינע פון די מאכלות אסורות, וואס איז אסור צו עסן, און לכאורה קען ער נישט מקיים זיין די היתר פון 'לאלתר', אפילו אזוי מעג ער בורר זיין דער אוכל האסור מתוך הפסולת, ווייל סוף כל סוף הייסט דער אוכל בשם אוכל וואס איז מותר באופן ווען מען עס איז עס בורר לאלתר.

### ראיות המנחת חינוך ששייך בורר גם במאכלות אסורות

און די מנחת חינוך ברענגט א שטארקע ראיה צו דער חידוש, אזוי ער שרייבט: **עיין בסוגיא דבמתוך בביצה** - פירוש: אין גמרא שטייט דארט אזוי (שם יב עמוד ב, ותוספות ד"ה הכא): **תני תנא קמיה דרבי יוחנן,** דער אמורא וואס האט פארגעלערנט ברייתות פאר רבי יוחנן האט געזאגט אזא ברייתא, **המבשל גיד הנשה בחלב ביום טוב ואכלו - לוקה חמש** - איינער וואס קאכט א שטיקל גיד הנשה אין מילך אין יום טוב, און ער עסט עס שפעטער, איז ער עובר אויף פינף לאוין, און ער באקומט פינף מאל מלקות, און די ברייתא רעכנט אויס די פינף לאוין. **1. לוקה משום מבשל גיד** - ער באקומט מלקות ווייל ער האט געקאכט די גיד הנשה, און די איסור איז, ווייל בעצם איז בישול אן אב מלאכה און מען טאר נישט מבשל זיין, און אפילו אין יום טוב ווי די תורה האט מתיר געווען די מלאכה פון 'בישול', איז דער היתר געווען נאר אזא סארט בישול וואס איז לצורך אכילה, מה שאין כן ווען מען קאכט א גיד הנשה, וואס די גיד הנשה איז דאך אסור צו עסן, קאכט מען דאך נישט 'לצורך אכילה' און עס איז ווייטער דא די איסור פון בישול, **2. ולוקה משום אוכל גיד** - ער באקומט מלקות פארן עסן גיד הנשה, 3. **ולוקה משום מבשל בשר בחלב** - ער

באקומט מלקות אויפן עובר זיין אויף די לאו פון 'בישול בשר בחלב', **4. ולוקה משום אוכל בשר בחלב** - ער באקומט מלקות אויפן עובר זיין אויף די לאו פון 'אכילת בשר בחלב', **5. ולוקה משום הבערה** - און אזוי אויך איז ער עובר אויף די איסור פון 'הבערה', ווייל ער האט דאך אנגעצינדען די פייער צו גיין מאכן 'בישול' פאר דעם גיד הנשה. און די איסור איז אזוי מען האט געשריבן ביי איסור 1, אז הבערה איז נאר מותר לצורך אכילה, און די גיד הנשה איז דאך אסור לאכילה.

זאגט די גמרא ווייטער: **אמר ליה** - האט רבי יוחנן געזאגט פאר דער אמורא וואס האט אים פארגעלערנט דער ברייתא: **פוק תני לברא** - גיי נעם ארויס דער ברייתא פון בית מדרש, ווייל עס איז נישט קיין ברייתא וואס מען קען זיך סומך זיין אויף דעם, און דער טעם איז: **הבערה ובשול אינה משנה** - דהיינו דעם וואס שטייט אין די ברייתא אז אויב איינער קאכט א גיד הנשה אין יום טוב איז עובר אויף די איסורים פון 'בישול' און 'הבערה' איז קיינמאל נישט געזאגט געווארען אין בית מדרש, דהיינו עס איז נישט קיין אמת'ע איסורים. און די טעם פארוואס עס איז נישט אסור, איז ווייבאלד מען זאגט: **מתוך שהותרה הבערה לצורך - הותרה נמי שלא לצורך** - פירוש: די היתר קומט מכח די באוויסטע כלל פון 'מתוך', דהיינו מען זאגט: ווייבאלד די תורה האט מתיר געווען 'בישול' און 'הבערה' אין יום טוב, איז אפילו אויף א פלאץ וואס מען גייט נישט קענען עסן דער זאך וואס מען גייט 'מבשל' זיין, אפילו אזוי איז עס מותר צו טוהן יום טוב, און מען איז נישט עובר אויף בישול והבערה.

קומט דארטן **תוספות** (ד"ה הכא נמי) און פרעגט א שטארקע קשיא, וזה לשונו: **ואם תאמר ומה צורך איכא במבשל גיד, כיון שהוא אסור** - פירוש: דער כלל פון 'מתוך שהותרה הבערה לצורך - הותרה נמי שלא לצורך', זאגט תוספות דארט (שם, סוף יב, עמוד ב) אז די 'שלא לצורך' מיינט נישט ממש 'שלא לצורך כלל' נאר עס דארף זיין עפעס א שטיקל צורך אין יום טוב, און נאר אזוי מעג מען מבער זיין אדער מבשל זיין אין יום טוב, לפי זה פרעגט תוספות, וועלכע 'שטיקל צורך' איז דא ביי מבשל גיד הנשה?! מן התורה איז עס דאך אסור צו עסן, און מען קען גארנישט טוהן מיט דעם?

ענטפערט תוספות א חידוש פון א תירוץ: **יש לומר, כיון שהיה בדעתו של זה לאכלו - היינו צורך יום טוב** - פירוש: תוספות איז מחדש, אז אפילו בעצם איז די גיד הנשה אסור באכילה, אפילו אזוי ווייבאלד דער מענטש קאכט יעצט דער גיד הנשה על דעת צו עסן, אפילו עס איז נגד די תורה, אפילו אזוי איז עס לצורך אוכל נפש, און ער מעג טוהן די מלאכות פון הבערה און בישול אויף דער גיד הנשה, און ער גייט נישט באקומען קיין מלקות אויף די הבערה און די בישול. עד כאן דברי התוספות.

לפי דער תוספות זאגט די מנחת חינוך, אז הוא הדין לגבי בורר, אפילו ווען ער איז בורר אן אוכל של איסור מתוך פסולת, און ער מעג נישט עסן דער איסור אפילו אזוי, לגבי די דין פון בורר איז ער פטור, ווייל ער איז עס בורר כדי לאכלו לאלתר.

### ח. הטוחן

די אכטע מלאכה איז די איסור פון טוחן. דהיינו מען טאר נישט צומאלן למשל תבואה און מאכן פון דעם מעהל, א.ד.ג.

### הוכחת המנחת חינוך שהרמב"ם סובר שיש איסור טוחן גם באינו גידולי קרקע

שרייבט די מנחת חינוך אזוי: **כתב עוד הר"מ כאן, השף לשון של מתכת חייב בכל שהוא... מבואר בדעת הר"מ דטוחן חייב אף שאינו גדולי קרקע, כי מתכת אינו גדולי קרקע, עיין בסוכה. ובעפר שייך נמי טחינה כמבואר בפסחים מז, ע"ב, וביצה ז, ע"ב והא קעביד כתישה, וכן פירש"י כאן גבי חביתא דשוחק הרגבים חייב משום טוחן, וזה לא הוי גדולי קרקע לענין סוכה... ועיין בתרומת הדשן** (סי' נו) **נראה קצת שמחלק דבאינו גדולי קרקע לא שייך טוחן על כן בבשר לא שייך טוחן, ובאמת בשר הוי ליה גדולי קרקע להר"מ** - פירוש: ביי הלכות שבת געפינען מיר אז עס איז דא צוויי מלאכות וואס עס שטייט קלאר אין די גמרא אז עס גייט נאר אן ביי 'גדולי קרקע', דהיינו זאכן וואס וואקסן פון די ערד. די ערשטע שטייט אין **מסכת שבת** (עג, ב) ביי די מלאכה פון מעמר, זאגט די גמרא אזוי: **והמעמר, אמר רבה** (כך הגירסא ברמב"ם ורא"ש ומהרש"ל. גליון שם) **האי מאן דכניף מילחא ממלחתא** - איינער וואס קלויב צאם זאלץ פון די 'חריצי מלח', **חייב משום מעמר** - איז עובר אויף די מלאכה פון מעמר, **אביי אמר: אין עימור אלא בגדולי קרקע** - דהיינו, די מלאכה פון מעמר גייט נאר אן ביי זאכן וואס זענען גדולי קרקע, דהיינו פירות אדער ירקות, אבער זאלץ וואס איז נישט קיין 'גדולי קרקע', איז מען נישט עובר אויף די מלאכה פון מעמר.

די צווייטע פלאץ איז ביי די מלאכה פון 'דש' אזוי ווי עס שטייט אין **גמרא שבת** (עה, א): **תנו רבנן הצד חילזון והפוצעו אינו חייב אלא אחת, רבי יהודה אומר חייב שתים, שהיה רבי יהודה אומר, פציעה בכלל דישה** - פירוש: די חכמים זאגן איינער וואס פאנגט א חלזון פיש, און ער קוועטשט ארויס די בלוט פון די פיש, איז נאר חייב 'חטאת אחת', דהיינו ער איז נאר חייב אויף די מלאכה פון 'צידה' וואס ער האט עובר געווען, רבי יהודה אבער קריגט זיך און האלט אז ער איז חייב 'שתים', דהיינו צוויי חטאות, ווייל רבי יהודה האט געהאלטן אז **'פציעה בכלל דישה'**, דהיינו די פעולה פון ארויסקוועטשען די בלוט גייט אריין אין די מלאכה פון 'דישה', און ער איז חייב סיי אויף די מלאכה פון 'צידה', און סיי אויף די מלאכה פון 'דישה'.

זאגט די גמרא ווייטער: **אמר רבא, מאי טעמא דרבנן, קסברי אין דישה אלא לגדולי קרקע** - דהיינו די חכמים האלטן אז די מלאכה פון דישה גייט נאר אן ביי זאכן וואס זענען 'גדולי קרקע', און ווייבאלד די חלזון פיש איז דאך נישט קיין גדולי קרקע, איז מען נישט עבור אויב מען מאכט די מלאכה פון 'דש' ביי דעם

אין די **גדולי הפוסקים** איז דא א גרויסע מחלוקת וואס גייט זיין די דין ביי אנדערע מלאכות וואס האבן צו טוהן מיט קרקע, צו דארט גייט אויך אן דער דין אז נאר ביי גדולי קרקע איז מען חייב, אדער דער דין פון גדולי קרקע איז געזאגט געווארען דוקא ביי די מלאכות פון 'מעמר', און 'דישה'.

ביי די מלאכה פון 'טוחן' טרעפט מען אז די **תרומת הדשן** האלט אז עס גייט נאר אן ביי גדולי קרקע, און אזוי ווי ער שרייבט (תשובות, סימן נו): **שאלה: מי שאינו יכול ללעוס יפה בשיניו, ויש לפניו בשר שאינו רך, כגון צלי שהוא קשה ללעוס, שרי ליה לחתוך הבשר בשבת דק דק בסכין ולאוכלו אח"כ או לאו** - פירוש: די תרומת הדשן שטעלט פאר א שאלה, אויך איינער וואס קען נישט גוט צוקייען עסן, צו מעג ער 'טוחן' זיין די פלייש שבת אויף זייער דין, כדי ער זאל קענען עסן די פלייש?

שרייבט די תרומת הדשן: **יראה דשרי כהאי גונא, ואין לאסור מפני שהוא טוחן** - פירוש: די תרומת הדשן איז מתיר צו טוחן זיין די פלייש, און ער האלט אז עס איז נישט דא די מלאכה פון טוחן אויף אזא פאל, און נאכן פלפל זיין אין דער דין שרייבט ער אזוי: **מכל מקום נראה ואיכא למימר דבבשר מבושל או צלי דבנידון דידון, כולי עלמא מודו דשרי. ולא דמי לעצים ופירות ולחם, דאינהו כולי גידולן מן הארץ, ויש במינן טחינה, כגון תבואה וקטנית, דעיקר טחינה שייך בהו, אבל בשר דאין גידולו מן הארץ יש לומר דבאוכל כזה לכולי עלמא לא שייך בהו טחינה. והכי מצינו לענין מלאכת מעמר, דקאמר אביי בפרק כלל גדול** (שבת עג, ב) **אין מעמר אלא בגידולי קרקע.**

על כל פנים, פון די ווערטער פון די תרומת הדשן איז משמע - אזוי ווי די מנחת חינוך שרייבט ועיין בתרומת הדשן (סי' נו) נראה קצת שמחלק דבאינו גדולי קרקע לא שייך טוחן - אז די מלאכה פון טוחן גייט נישט אן ביי גידולי קרקע.

קומט די מנחת חינוך און שרייבט אז פון די **רמב"ם** איז משמע אז ער האלט אז אפילו די מלאכה פון טוחן גייט אן אפילו ביי זאכן וואס זענען אינו גידולי קרקע, ווייל די רמב"ם שרייבט (הלכות שבת, פרק ז, הלכה ה): **הלוקח לשון של מתכת ושף אותו כדי לקח מעפרו כדרך שעושין צורפי הזהב הרי זה תולדת טחינה** - פירוש: איינער וואס נעמט א שטיקל אייזן און ער צורייבט עס כדי צו באקומען פון דעם שטויב, איז ער עובר אויף די מלאכה פון טוחן, ווייל דער פעולה איז א תולדה פון טוחן.

זאגט די מנחת חינוך אז די רמב"ם שרייבט אין הלכות סוכה (פרק ה הלכה ב): **סיככה במיני מתכות או בעצמות ועורות פסולה מפני שאינן גדולי קרקע** - פירוש: אויב איינער איז מסכך זיין סוכה מיט 'מיני מתכות' איז די סוכה פסול, ווייל 'מתכות' ווערט נישט גערעכנט ווי גידולי קרקע, און די הלכה איז דאך אז מען מעג נאר מסכך זיין א סוכה מיט זאכן וואס זענען גידולי קרקע, וועגן דעם אז די סוכה פסול.

אויב אזוי קומט אויס ווען די רמב"ם שרייבט אין הלכות שבת, אז אויב איינער צורייבט 'מתכות' איז ער עובר אויף די מלאכה פון טוחן, איז על כרחך האלט די רמב"ם אז די מלאכה פון טוחן גייט אן אפילו ביי זאכן וואס זענען נישט קיין גידולי קרקע.

### קושית התוספת שבת סתירה בין דברי רבא - אם יש מלאכת טוחן באינו גידולי קרקע

די גאנצע ראיה פון די מנחת חינוך איז געבויעט אויף דעם וואס די מנחת חינוך איז מדמה די 'גידולי קרקע' פון סוכה, צו 'גידולי קרקע' פון הלכות שבת, און פונקט ווי מען זעהט אז ביי הלכות סוכה הייסט מתכות 'אינו גידולי קרקע' הוא הדין לגבי שבת הייסט מתכות 'אינו גידולי קרקע', און אפילו אזוי איז די רמב"ם מחייב אויב מען מאכט טוחן מיט מתכות.

מען טרעפט נאך איינער פון די גדולי האחרונים וואס האבן מדמה געווען די 'גידולי קרקע' פון הלכות שבת און הלכות סוכה, און לפי זה פרעגט ער זייער א שיינער שטארקע קשיא. און דעס איז דער **תוספת שבת** אין סימן שכ"א ס"ק יז, ווי פרעגט ער אזוי: **כבר הוקשה לי אהא דסבירא ליה לרבא בדף ע"ה דאין דישה אלא בגידולי קרקע, ולדידיה גם עימור אינו אלא בגידולי קרקע כמו שכתב המגן אברהם סימן ש"מ, והוא מטעם דכולהו ילפינן ממשכן, ולפי מה שכתב התרומת הדשן בסמוך טחינה דמיא לעימור ואם כן סבירא ליה לרבא דאין טחינה אלא בגידולי קרקע ולפי זה קשה דרבא אדרבא דבפרק כלל גדול** (עד, ב) **קאמר רבא דהאי מאן דעביד חביתא בשבת חייב שבע חטאות, וחדא מינייהו טוחן, ופירוש רש"י שטוחן את הרגבים ושוחק אותם הדק היטיב, והר"ן כתב בסוכה גבי סכך דאין מסככין אלא בגידולי קרקע דאין מסככין בעפר דעפר לא מקרי גידולי קרקע.**

פירוש: דער תוספת שבת פרעגט אזא קשיא. שיטת רבא אין מסכת שבת איז אז 'אין דישה אלא בגידולי קרקע', אזוי ווי עס שטייט אין מסכת שבת דף עה (מובא לעיל).

די **מגן אברהם** שרייבט אין סימן שמ (ס"ק טו), אז די מאן דאמר וואס האלט אז 'אין דישה אלא בגידולי קרקע' האלט אויך אז 'אין עימור אלא בגידולי קרקע'.

די **תרומת הדשן** (מובא לעיל) שרייבט אז די מאן דאמר וואס האלט 'אין עימור אלא בגידולי קרקע', האלט אויך אז 'אין טחינה אלא בגידולי קרקע'. לפי זה קומט אויס אז רבא וואס האלט 'אין דישה אלא בגידולי קרקע, האלט אויך אז 'אין טחינה אלא בגידולי קרקע'.

קומט די תוספת שבת, און פרעגט לפי זה א סתירה אין די ווערטער פון רבא, לפי מען האט געשריבן ביז יעצט זעהט מען אז שיטת רבא איז אז אין טחינה א בגידולי קרקע. אבער מען טרעפט אן אנדערע מימרא פון רבא וואס פון דארט קומט אויס אז עס איז יא דא די מלאכה פון טוחן אפילו בגידולי קרקע, און דער גמרא שטייט אין מסכת שבת (עד, ב) ווי עס שטייט אזוי: **אמר רבא האי מאן דעביד חביתא** - איינער וואס מאכט א חבית של חרס אין שבת, **חייב משום שבע חטאות** - איז עובר אויף זיבן מלאכות, און ער איז חייב זיבן חטאות. קומט דארט **רש"י** (ד"ה שבע חטאות) אין איז מסביר אלע זיבן מלאכות וואס ער איז עובר, און די ערשטע מלאכה שרייבט רש"י: **טוחן הרגבים ושוחקן הדק הוי טוחן** - פירוש: ווען מען גייט מאכן א חבית של חרס, נעמט מען הארטע שטיקלעך ערד, און מען איז עס טוחן הדק היטיב, ביז עז ווערט גוט צומאלן, און מיט דעם גייט מען מאכן די פאס. על כל פנים זעהט מען פון דעם, אז עס איז דא דיני טחינה ביי 'עפר'.

קומט די **תוספת שבת** און שרייבט ווייטער: אז אין הלכות סוכה שרייבט די ר"ן אז מען טאר נישט מסכך זיין א סוכה מיט 'עפר'

ווייל עפר איז אינו גידולי קרקע, און מען מעג נאר מסכך זיין א סוכה מיט 'גידולי קרקע'. זעהט מען פון דעם אז 'עפר' הייסט נישט גידולי קרקע, און אפילו אזוי שטייט אין מסכת שבת אז רבא זאגט אז מען איז חייב אויף טוחן ווען מען מאכט א חבית של חרס, קומט לכאורה אויס פון דער רבא אז מען זאגט יא מלאכת טוחן אפילו בדבר שאינו גידולי קרקע.

און די תוספת שבת ענטפערט נישט קיין תירוץ אויף דער תירוץ, נאר ער שרייבט: **והדבר צריך תלמוד, וכבר הגיעו דברי אלה לפני גדול אחד בדורינו וקילס מאוד קושיא זו, ושלח לי על זה קונטרס אחד והאריך שם מאוד בביאור כמה סוגיות בש"ס השייך לזה, ומגודל האריכות הוא עלי לטורח להביא דבריו בזה.**

**תירוצו של הפרי מגדים על קושית התוספת שבת - ולפי זה נפלה ראיותו של המנחת חינוך שהרמב"ם סובר שיש מלאכת טוחן באינו גידולי קרקע**

די פרי מגדים ברעגנט אראפ די קושיא פון די תוספת שבת, און מיט אפאר קורצ'ע ווערטער פארענטפערט ער די קשיא פון תוספת שבת, און ער איז מחלק גאר שטארק ציווישען די 'גידולי קרקע' פון הלכות שבת און 'גידולי קרקע' פון הלכות סוכה, און לפי זה פאלט אויך אוועק די ראיה פון די מנחת חינוך, אז שיטת הרמב"ם איז אז יש מלאכת טוחן באינו גידולי קרקע.

וזה לשון הפרי מגדים (סימן שכא, משבצות זהב סק"ז): **הטוחן רגב עפר הוה טוחן, דבמשכן סמנים נמי הכין הוא שיש מהם כאבנים באדמה. ומה שכתב התוספת שבת דסכך אסור בעפר, התם בגרנך ויקבך כתיב, בעינן דוקא גדולי קרקע ולא עפר, מה שאין כן טוחן עיקר טחינה שייך בדברים כאלו** - פירוש: די גאנצע קשיא פון תוספת שבת און אזוי אויך די ראיה פון די מנחת חינוך איז געבויעט אויף דעם וואס מען זעהט אז 'עפר' הייסט 'אינו גידולי קרקע' ביי הלכות סוכה. זאגט די פרי מגדים אז לעולם הייסט עפר און אזוי אויך מתכת גידולי קרקע ווייל עס קומט פון די ערד, און וועגן דעם זאגט רבא אין מסכת שבת אז האי מאן דעביד חביתא איז עובר אויף די איסור פון טוחן, ווייל עפר איז גידולי קרקע, און אזוי אויך דעם וואס די רמב"ם שרייבט אז השף מתכת חייב משום תולדה דטוחן, איז וויבאלד מתכת הייסט גידולי קרקע.

און דעם וואס מען זעהט אז ביי הלכות סוכה הייסן מתכת ועפר אינו גידולי קרקע, איז וויבאלד דארט לערנט מען ארויס (עי' סוכה יב, א) פון די פסוק (דברים טז, יג) **חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים בְּאָסְפְּךָ "מִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ"**, וואס מגרנך ומיקבך איז משמע דוקא זאכן וואס 'וואקסן פון די ערד', און דארט גייט נישט מתכת ועפר אריין אין די כלל פון "מִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ", און וועגן דעם מעג מען נישט מסכך זיין מיט דעם, מה שאין כן ביי הלכות שבת, הייסט מתכת ועפר ממש גידולי קרקע, און וועגן דעם איז מען חייב אויף דעם. און בפרט, וואס מען טרעפט דער מלאכות ביי די משכן ממש, ווען מען האט געמאכט די סממנים, וואס מען האט טוחן געווען כמה פעמים אפילו עפר לצורך הסממנים.

### ט. מרקד

די ניינטע מלאכה איז מלאכת מרקד, דהיינו מפרד זיין אוכל מתוך פסולת דורך א כלי.

**שיטת המנחת חינוך שחייב רק כשיש שיעור כגרוגרת באוכל לבד מהפסולת**

שרייבט די מנחת חינוך: **שיעורו כגרוגרת, וכבר כתבתי דבאוכל עצמו צריך להיות כגרוגרת חוץ המפסולת** - פירוש: די מנחת חינוך האלט, אז כדי צו זיין מחויב אויף מלאכת 'מרקד', מיז זיין די אוכל אליינס כשיעור כגרוגרת, חוץ פון די פסולת, דהיינו אויב איינער האט אוכל מיט פסול וואס זענען צוזאמען א שיעור פון א גרוגרת, איז מען נישט חייב אויף די מלאכה, נאר ווען די אוכל אליין האט די שיעור כגרוגרת איז מען חייב. און מער באריכות שרייבט די מנחת חינוך ביי מלאכת זורה, וזה לשונו: **והנה במלאכה זו** [זורה] **וגם בבורר ומרקד כתב הר"מ כאן הלכה יא, וטז, שיעור כגרוגרת, ולא נתבאר שם אם די שיש בין הכל האוכל והפסולת כגרוגרת, או אפשר צריך שישאר אחר הוצאת הפסולת כגרוגרת "וכן מסתבר", כיון דבאוכלין הוי חשוב כגרוגרת, אם כן האוכל בעצמו צריך להיות כגרוגרת.**

**שיטת הערוגת הבשם שחייב אפילו כשיש בין האוכל והפסולת שיעור כגרוגרת**

דער **ערוגת הבשם** אין זיין קונטרס **תיקוני שבת** (שו"ת ערוגת הבשם אורח חיים, סימן פ) ביי מלאכת מרקד, ברעגנט אראפ דער מנחת חינוך און ער ברענגט א ירושלמי, וואס איז מוכח דלא כהמנחת חינוך, וזה לשונו: **וראיתי במנחת חינוך דמספקא ליה, אם שיעור גרוגרת כמות שהוא עתה משערינן, או כדמעיקרו, כגון בבורר פסולת מתוך אוכל דהוי נמי שיעור גרוגרת, אי בעינן שישאר גרוגרת אוכל אחר שכבר נברר ממנו הפסולת, או אם בהדי פסולת הוי גרוגרת, ומסלק משם הפסולת נמי הוא ליה כשיעורא. ונראה לי דיש לפשוט ספק זה ממה דאיתא בירושלמי** (מסכת שבת) **פרק כלל גדול, יש שהוא בורר צרורות כל היום ואינו מתחייב, ויש שהוא נוטל כגרוגרת ומיד מתחייב היך עבידא, היה יושב על גבי כרי ובורר צרורות כל היום אינו מתחייב נוטל לתוך ידו כגרוגרת ובור מתחייב, הרי מפורש יוצא מזה דמשערינן כדמעיקרו** - פירוש: אין **ירושלמי מסכת שבת** (דף ס, א - מהודרת עוז והדר) שטייט אזוי: **אמר ר' יודן, יש שהוא בורר צרורות כל היום ואינו מתחייב, יש שהוא נוטל כגרוגרת ומיד מתחייב** - פירוש: רבי יודן זאגט עס איז דא אמאל וואס איינער גייט בורר זיין צרורות א גאנצען טאג, און ער גייט נישט זיין חייב, און עס איז דא אמאל וואס איינער גייט נאר נעמען א שיעור פון א גרוגרת און ער גייט זיין תיכף חייב משום בורר. פרעגט די ירושלמי: **היך עבידה** - דהיינו, ווען גייט מען זיין פטור און ווען גייט מען זיין חייב? איז די ירושלמי מסביר: **היה יושב על גבי כרי וברר צרורות כל היום אינו מתחייב, נטל לתוך ידו כגרוגת ובירר חייב** - פירוש: אויב איינער גייט זיצן ביי די כרי ווי עס ליגט אלע תבואה מיט די פסולת און ער גייט בורר זיין ווען זיין האנט איז אין די בארג פון תבואה אפילו ער טוט עס א גאנצע טאג איז

ער פטור, למעשה איז אלעס געבליבן אין די כרי, און ער האט גארנישט למעשה בורר געווען, אבער אויב גייט ער ארייגלייגען און זיין האנט א שיעור פון א כגרוגרת פון די כרי, און ער גייט בורר זיין די פסולת פון די אוכל ווערט ער גלייך זיין חייב.

זאגט די ערוגת הבשם, אז פון די ירושלמי זעהט מען קלאר אז אויב מען לייגט אריין אין די האנט א שיעור פון כגרוגרת תיכף פון די כרי, דהיינו ווען עס ליגט נאך די אוכל מיט די פסולת צו זאמען, איז מען חייב די רגע וואס עס איז דא א שיעור פון גרוגרת, און נישט נאר ווען די 'אוכל' אליין האט די שיעור פון א כגרוגרת. ודלא כהמנחת חינוך.

## י. הלש

די צענטע מלאכה שבת איז 'לש', דהיינו קנעטען [א טייג, א.ד.ג.].

### שיטת החיי אדם והמנחת חינוך שחצי שיעור אצל מלאכת לש אסור מן התורה

שרייבט די **מנחת חינוך**: **ועיין בחיי אדם מביא בשם אחד, דלישה פחות מכשיעור אינו אסור מחמת חצי שיעור, ודחה דבריו. וצדקו דברי החיי אדם, דכל חצי שיעור אסור גם כן בשבת, כמו שאמרו בש"ס עד, א, וכי מותר לאפות וכו'.**

### דברי החיי אדם - ושיטת התוספת שבת דחצי שיעור במלאכת לש הוא רק איסור דרבנן

די **חיי אדם** ביי מלאכת לש (כלל יט, בנשמת שבת אות א) שרייבט אזוי: **הלש כגרוגרת חייב, ובפחות מזה אסור מן התורה כדין כל חצי שיעור** - פירוש: די איסור פון חצי שיעור גייט אן אפילו ביי מלאכת לש, דהיינו אויב איינער קנעט א טייג וועניגער פון די שיעור 'כגרוגרת', גייט טאקע נישט באקומען קיין עונש הכתוב בתורה, אבער מכל מקום איז עס אסור צו טוהן מן התורה אזוי ווי די כלל איז אין די גאנצע תורה אז חצי שיעור אסור מן התורה.

שרייבט דארטן די חיי אדם אין זיינע הערות **נשמת שבת**: **צריך אני להאריך, שראיתי לגדול אחד בספרו על הלכות שבת שטעה טעות גדול, וכתב בסימן שכ"א ס"ק כ"ח דהלש קמח מעט מעט אינו אלא מדרבנן** - פירוש: די חיי אדם ברענגט אראפ פון א 'גדול אחד' וואס שרייבט אין זיין ספר אויף הלכות שבת, אז אויב איינער טוט מלאכת לש פחות מכשיעור, איז ער נאר עובר א איסור מדרבנן, און מדאורייתא איז עס נישט אסור.

ווער איז דער 'גדול אחד'? דער גדול אחד איז די 'תוספת שבת'. די תוספת שבת גייט ארויף אויף דעם וואס די מחבר שרייבט דארט (סימן שכא, סעיף יד): **אין מגבלין קמח קלי הרבה שמא יבא ללוש שאינו קלי** - פירוש: די מחבר פסק'נט אז מען אז מען טאר נישט 'מגבל' זיין קמח קלי, דהיינו אזעלכע קמח של תבואה וואס איז אויסגעטריקנט, און די איסור איז נאר ווען עס איז 'הרבה', און די טעם פון די איסור איז 'שמא יבא ללוש קמח שאינו קלי', דהיינו די חכמים האבן גוזר געווען אז מען מעג נישט לייגן קיין וואסער אין קמח קלי, אפילו די קמח קלי איז אזא סארט קמח וואס איז 'אינו בר גיבול', דהיינו מען קען נישט קנעטן מיט קמח קלי, אפילו אזוי איז עס אסור, מכח גזירה, אז מען גייט צוקומען צו קנעטן קמח רגיל וואס איז נישט קלי.

שרייבט אויף דעם די תוספת שבת: **קמח קלי 'הרבה' - הרבה אסור משום גזירה שמא יבוא ללוש קמח שאינו קלי הרבה ביחד דזה הוי מגבל ממש, אבל היכי שאינו מגבל אלא מעט מעט תו לא גזרינן שמא יבא ללוש קמח שאינו קלי, "דהא אף אם יעשה כן אין בו אלא איסורא דרבנן דגזרינן מעט מעט אטו הרבה".**

פירוש: די תוספת שבת איז מסביר דעם וואס די מחבר שרייבט אז די גאנצע איסור פון גובל זיין קמח קלי איז דוקא ביי 'קמח קלי הרבה', אבער ווען עס איז 'מעט' איז נישט דא די גזירה. און די טעם איז, וויבאלד אפילו קמח שאינו קלי, איז נישט דא קיין איסור דאורייתא ביי 'מעט', און די גאנצע טעם פארוואס מען מעג נישט קנעטן קמח שאינו קלי ווען עס איז 'מעט' איז נאר א דין דרבנן, דהיינו די חכמים האבן גוזר געווען 'מעט אטו הרבה', און דעס איז די טעם פארוואס עס איז נישט אסור צו גובל זיין 'קמח קלי מעט', וויבאלד די גאנצע טעם האיסור ביי קמח קלי איז דאך א 'גזירה' אטו קמח אינו קלי, און אויב עס איז 'מעט', איז עס א גזירה לגזירה, א גזירה 'קמח קלי', אטו 'קמח שאינו קלי', און אפילו ביי קמח שאינו קלי, איז דאך מעט נאר אסור מדרבנן 'מעט', אטו 'הרבה'. עד כאן תורף דברי התוספות שבת.

זעט מען פון דער 'גדול אחד' די תוספות שבת, וואס זאגט קלאר אז 'חצי שיעור' ביי מלאכת לש, איז נאר א איסור מדרבנן.

### קושית החיי אדם על התוספת שבת מגמרא מסכת שבת

קומט די חיי אדם און שרייבט אויף דעם תוספת שבת: **ושרי ליה מאריה כדאמרינן בשבת עד, וכי מותר לאפות פחות מכשיעור, ופי' רש"י דהא קיימא לן חצי שיעור אסור מן התורה** - פירוש: שטייט אין **גמרא מסכת שבת** (עד, א): **תנו רבנן, היו לפניו מיני אוכלין בורר ואוכל, בורר ומניח, ולא יברור, ואם בירר חייב חטאת** - און די גמרא פרעגט גלייך: **מאי קאמר?** דהיינו, וואס זאגט די ברייתא, עס זעהט לכאורה אויס ווי א ברייתא סתומה. קומט דארטן רב חסדא און זאגט: **אמר רב חסדא, בורר ואוכל פחות מכשיעור, בורר ומניח פחות מכשיעור, וכשיעור לא יברור, ואם בירר חייב חטאת** - פירוש: רבי חסדא איז מבאר די ברייתא, אז דעס וואס די ברייתא זאגט 'בורר ואוכל', רעדט מען פון 'פחות מכשיעור' וואס איז מותר, און דעס וואס די ברייתא שרייבט 'ולא יברורו' גייט ארויף ווען איינער איז בורר כשיעור, און די ברייתא פיהרט אויס אויב איינער איז יא בורר כשיעור איז ער חייב א חטאת.

קומט די גמרא און פרעגט: **מתקיף לה רב יוסף, וכי מותר לאפות פחות מכשיעור!?** - פירוש: רב יוסף פרעגט אויף רב חסדא, ווי אזוי קענסטו אפלערנען די ברייתא, אז 'בורר ואוכל' רעדט מען ווען מען איז בורר פחות מכשיעור, די כלל איז דאך אז 'חצי שיעור אסור מן התורה', און פונקט אזוי ווי די פארשטייסט אז אויב איינער גייט טוהן די מלאכה פון 'אופה' אפילו ער גייט באקן פחות מכשיעור גייט ער זיין חייב, אזוי אויך אויב ער גייט

בורר זיין פחות מכשיעור איז עס אסור מן התורה? עד כאן סוגית הגמרא בשבת הנוגעת לענינינו.

זאגט די חיי אדם, אז מען זעהט בפירוש פון דער גמרא, אז אפילו ביי די ל"ט מלאכות פון שבת איז אסור אפילו ווען מען טוט די מלאכה פחות מכשיעור. איז ווי אזוי שרייבט די תוספות שבת, אז עס איז נאר א איסור דרבנן ווען איינער איז 'לש' פחות מכשיעור?

**מהלכו של החלקת יואב - ולפי זה מתורצת קושית החיי אדם על התוספת שבת**

די גרויסע גאון און שר התורה **רבי יואב יהושע ווינגארטן זצ"ל** און זיין לומד'ישע ספר **שו"ת חלקת יואב** (יורה דעה סימן סימן ט) שרייבט א הפלא'דיגע מהלך אין די איסור פון חצי שיעור לגבי מלאכת שבת, און לפי זה איז נישט שווער די קשיא פון די חיי אדם אויף די תוספת שבת. וזה לשונו שם: **ולזאת נראה לפי עניות דעתי דלא שייך איסור חצי שיעור מן התורה רק במקום דלא כתיב השיעור ולא נקצב השיעור בתורה רק כתיב לא תאכל חלב ולא תאכל דם, דהאכילה יכול להיות בכל שהוא, וההילכתא בא להקל דצריך כזית. אבל במקום שהשיעור כתיב בתורה או שאין איסור כתיב בתורה כלל רק למשל כל מלאכה לא תעשו בשבת, דלא נכתב בתורה מהו מלאכה רק דהלכה למשה מסיני דיש ל"ט מלאכות ושיעורן לכל אחד כפי מה שהוא, בזה שפיר כל שהוא פחות מכשיעור אין איסור בתורה כלל, כי תיכף נאמר האיסור רק על השיעור** - פירוש: די חלקת יואב איז מחדש א גרויסע חידוש, אז די גאנצע הלכה פון 'חצי שיעור אסור מן התורה', איז דוקא געזאגט געווארען אויף א איסור וואס עס שטייט אין די תורה, אזוי ווי די איסור פון עסן חלב אדער דם ווי די תורה שרייבט (ויקרא ג, יז) **כָּל חֵלֶב וְכָל דָּם לֹא תֹאכֵלוּ**, און די לשון אכילה איז בעצם אפילו ווייניגער ווי א כזית, אבער די הלכה למשה מסיני פון 'שיעורין' איז געקומען זאגן אז כדי צו זיין 'חייב' דארף עס זיין דוקא א כזית, אבער בעצם אפילו ווייניגער פון א כזית איז נאך כלול און דעם וואס די תורה שרייבט 'לא תאכלו'. מה שאין כן ביי אזא סארט איסור וואס שטייט נישט אין די תורה, אזוי ווי די ל"ט מלאכות, וואס אין די תורה שטייט נאר (ויקרא כג, ג) **כָּל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ**, אבער עס שטייט וואס דער מלאכות זענען, נאר מהלכה למשה מסיני איז געזאגט געווארען וואס דער ל"ט מלאכות זענען, דעמאלטס זאגט מען, אז ווען עס איז איבער געגעבן די ל"ט מלאכות איז עס איבער געגעבן מיט די שיעורים פון די מלאכות, און ביי דעם זאגט מען אז אויב איינער טוט א מלאכה ווייניגער פון דער שיעור, איז עס נישט אסור אלץ 'חצי שיעור אסור מן התורה', נאר עס איז נאר דא א איסור דרבנן.

און דעם וואס מען זעהט אז די גמרא פרעגט אין מסכת שבת: 'וכי מותר לאפות פחות מכשיעור', וואס פון דעם איז לכאורה משמע אז אפילו פחות מכשיעור איז אסור מן התורה (אזוי ווי רש"י שרייבט דארט), זאגט אויף דעם די חלקת יואב א הפלא'דיגע זאך, וזה לשונו: **ומה שכתב רש"י שבת** (עד, שם) **דאפייה פחות מכשיעור אסור מן התורה, נראה לי דדוקא באפייה הוא, כי יען דאפייה כתוב בתורה את אשר תאפו אפו, רק ההלכיתא מצריך שיהיה כגרוגרת ושוב אמרינן חצי שיעור אסור מן התורה** - פירוש: דעם וואס מען זעהט אז די מלאכה פון אפייה איז אסור אפילו מן התורה אפילו חצי שיעור, איז וויבאלד די מלאכה פון אפייה שטייט 'בפירוש אין די תורה', אזוי ווי עס שטייט (שמות, טז, כג) **וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' שַׁבָּתוֹן שַׁבַּת קֹדֶשׁ לַה' מָחָר אֵת אֲשֶׁר תֹּאפוּ אֵפוּ**", און וויבאלד עס שטייט די איסור בפירוש אין די תורה, איז אפילו די הלכה למשה מסיני קומט אינז זאגן אז די איסור איז נאר פון 'כגרוגרת', דעס איז נאר לגבי די שיעור פון 'חיוב חטאת', אבער אפילו פחות מכשיעור וועט זיין אסור מן התורה. אבער ביי די אנדערע ל"ט מלאכות, וואס די עצם מלאכה שטייט נישט אין די תורה, וועט זיין די דין אז 'חצי שיעור איז נאר אסור מדרבנן'.

אבער לפי זה, ווערט לכאורה שווער, אויב איז חצי שיעור ביי אפייה אסור מן התורה, איז וואס פרעגט רב יוסף פון אפייה אויף מלאכת בורר? שרייבט אויף דעם די חלקת יואב א חידוש: **והש"ס מקשה דגם בבורר על כל פנים יהי אסור מדרבנן** - פירוש: די חלקת יואב איז מחדש דא א נייע מהלך אין די סוגיא. רב חסדא זאגט: בורר ואוכל פחות מכשיעור - איז משמע אז רב חסדא האלט אז אפילו 'מדרבנן' מעג מען בורר זיין כל זמן עס איז פחות מכשיעור, אויף דעם קומט רב יוסף אין פרעגט: 'וכי מותר לאפות פחות מכשיעור' - און רב יוסף מיינט צו פרעגן, אז אה"נ מען קען נישט קומען זאגן אז בורר זאל זיין אסור חצי שיעור מן התורה, אזוי ווי אפייה, ווייל אפייה שטייט דאך די עצם מלאכה אין די תורה, אבער מכל מקום זאל זיין אסור 'מדרבנן' צו בורר זיין חצי שיעור, און ווי אזוי זאגט רב חסדא אז אפילו 'מדרבנן' איז נישט דא קיין איסור צו בורר זיין אויב עס איז פחות מכשיעור.

על כל פנים, לויט די מהלך פון די חלקת יואב, איז זייער שיין און פשוט פארענטפערט די קשיא וואס די מנחת חינוך ברעגנט אראפ פון די חיי אדם אויף די תוספת שבת - והכל מיושב בסייעתא דשמיא.